STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04742

KABTSNZOHN ET HUNGERMAN

Abraham Goldfaden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קבצנזאהן
עט הונגערמאן

מעלאדראמא אין 4 אקטען און אין 5 בילדער

פערפאסט פאן

אברהם גאלדפאדען

(דיא מוזיק, דיא קאסטיומען און דיא דעקאראציאנען צוא דער פיעסע
זיינען צוזאמענגעשטעלט פון דעם פערפאססער)

פערלאג י. לידסקי בוכהענדלער, ווארשא נאלעווקי 82.

פערזאָנען

ר׳ יצחק איין אַלטער מאַן פון א יאָהר 60

חנה זיין טאָכטער איין אַלטע מויד פון א יאָהר [illegible]

שלמה חנה׳ס א געשוועסטער קינד א יונגער מאַן פון א יאָהר [illegible]

מיט א קיילעכדיג שוואַרץ בערדיל — סאָליד געקליידעט

קבצן אהן | צוויא וויליקעס קאָרטענשפּילערס אפּגעריסענע

הונגערמאַן | אין דריטטען אַקט קבצנזאהן שעהן געקליידעט

איין אלטער רייכער מאַן אויף דעם בולוואר

מאַריצא | צוויא וועשער מיידלעך
מאַרגאַשע |

דער גרעבער — יידען — במנים — הוישער

ערשטער אקט

(שטעלט פאר ר' יצחק'ס ציממער — איינפאך מעבלירט)

יצחק: אי—אי—אי איך ווייס ניט בנאמנות, וויא האלטין עס אוים דיא טאטעס וואס האבין עטליכע ערוואקסענע טעכטער? אט האב איך נאר איין טאכטער — אבת יחידה בית הונדערט און צוואנציג יאהר, בין איך שוין גראה און אלט געווארין דורך איהר, וואלט זיא ניט געוועזין קיין איינציגע ביא מיר, אדער וואלט איהר מוטער ניט געוועהן אוי געשטארבין אזוי פריה! וואלט איך איהר אזוי ניט נאך געגעבין! גיב איך ניט נאך, ווייניט זיא און שעלט זיך, און איך קען דאס ניט צו זעהן — איך בין דאך א צערטליכער פאטער, גיב איך איהר יא נאך איז נאך ערגער פארפיהרט זיא אזעלכע מעשים וואס איך פארשטעה זיא נאר ניט = אט האט זיא זיך עפיס אלאנגע צייט אריינגענומען אין קאפ, אז אנדערש קען זיא קיין כלה ניט ווערין נאר אויף צוא־נאכט וויא אין דיא ביכער שטעהט. נאר עפיס אליעבע מוז זיא פריהער שפיעלען... איך ווייס וואס זאס איז פאר א שפיעל? מיין טאטע, מיין באבע, מיינע אבות אבותינו האבין פון דער שפיעל ניט געוויסט — איך פלעג איהר אבער ניט איין מאהל זאגין: רחליע! ווער ווייסט צו וואס דיא ביכלעך וועלין דיך ברענגען!.. האט זיא זיך אבער איין מאהל אריינגענומען אין קאפ, און איך קען עס איהר פון דעם קאפ ניט ארויס שלאגען, סאי מיט גיטין סאי מיט בייזען — דיא פיינקטע יונגע לייט האט מען איהר איבערגערעט, און זיא האלט זיך איינס! ניין און ניין! וואס ווילסטו? האט זיא עפיס משונה'גע תנאים, ערשטינס וויל זיא אז דער חתן איהרע זאל קענען רעדין דייטש, אבער גוט דייטש, צווייטינס מוז דער חתן הייסען פראנץ — דריטענס מוז ער קענען מיט איהר שפיעלען אליבע, און פירטינס

זי האבען שיינע שווארצע וואנצעלעך. און נאך עפעס וועלכע משונהדיגע תנאים!.. היינט גיה זיך אידר אפ אזא נפש מיט דיא אלע גילדענע מעלות? — איך ווייס ניט וויא דיא אליין איז שוין ניט מיר זיבענדיג? ווען איך האב געוואלט מיט איהר אשידוך טוהן איז דיא אלט געוועזען אבטצעהן ניינצעהן יאהר. פון דאמאלס ווענינ שוין צעהן יאהר אוועק און דיא האלט זיך אין איין עקשנות. דיא האט שוין איהר שיינקייט אנגעוואהרן. דיא איז שוין אלט געווארן. זיא האט מיך שוין גראה אין אלט געמאכט און גאט ווייסט וואס דער סוף וועט זיין אוי — אוי — אוי!...

שלמה וואס מאכסטו גוטער יצחק! —

יצחק קוין אן שלמה? פון וואנען ביסטו עס אויפגעוואקסען? אדאס איז אמייערער גאסט! (זיא צו קושען זיך)

שלמה פון וואנען? וועל איך דיר שוין שפעטער דערצעהלען. דוא זאג מיר וואס הערט זיך ביי דיר. וואס מאכט דיין פאמיליע וואס מאכט דיין ווייב פעסעלע, וואס מאכט הנהלע איז זיא נאך אזוי שעהן וויא זיא איז געוועזען? זיא געהער שוין אוודאי זיין אמאמע פון קינדערלעך?...

יצחק פרעג ניט עס איז מיר ביטער. — מילא פון מיין פעסעלען איז שוין לאנג ניטא צו ריידען עליה השלום. איך האב בעסער צרות פון דער לעבעדיקער לעבען זאל זיא!

שלמה וואס איז? וואס איז פאר אנייעס?

יצחק שמועל דיר פאר אין הנהלה איז...

שלמה איז וואס?

יצחק איז וואס? וואס חאפסטו? שרעק דיך ניט! — מיין הנהלע יעצט נאך אביידעל און האט נאך ניט חתונה געהאט! — אדרבא טאמער קריגט וואס ניט מען דיך פאר אעצה?

שלמה איך וועל דיר זאגען אפשר האט זיא רעכט — ניישט דארפסטו זיא ניט. אפשר געפעלט איהר ניט קיינער מוזטו ווארטען — גלייב מיר איהר באשערטער וועט קומען און שטוב אריין —

יצחק דיא באשערטע האבען שוין אויך אויפגעהערט צו קומען פארנעס ניט אז זיא איז שוין קרוב ביי דיא שלשים... וועסט זיא גאר ניט דערקענען.

וויא איז שוין אייער שיינקייט ווא האט מיך שוין גראה אונ אלעס גימאכט — אונ חתונה האבין אלץ ניט! —

שלמה דאס זאל דיר זיין דיא לעצטע דאגה. פארקערט מיך פרייט עס וואס דוא האסט נאך ניט חתונה גיהאט — דיא געדענקסט אז מיר זענען אין שכינות געזעסען? האסטו אג אפשר וויא אליין ניט אזוי פיל געוויכט וויא איך האב דיא ליעב גיהאט, נאר עס האט זיך אלץ ניט געמאכט. איך זאל פאר אייער חתונה האבין. מיינע געשעפטען האבין מיך אוועק גירופין נאך איסלאנד אונ האב דארטען חתונה גיהאט. דיא פרויא איז מיר אפגעשטארבין. מיין מוטער האב איך ניט. פארמעגליך בין איך. מיין חאראקטער קענסטו אויך — נא?—

יצחק וואס נא?

שלמה נא! מען דארף דיר אפשר אריין לייגן אפינגער אין מויל? פארשטייסט ניט וואס איך מיין?

יצחק וואס מיינסטו?

שלמה פעלט איך וויא ער מאכט זיך תמימותשי? איך ווייס אפשר ווילסטו ניט האב איך ניט וואס צו ביידין!...

יצחק איך וויל ניט? סיהייסט איך דארף נאך האבען אבעסער גליק? אויף מיר קענסטו קלערין אז איך זאל ניט וועלין.

שלמה וואס דען מיינסטו זיא וועט ניט וועלין? עדאס זאל דיר זיין דיא לעצטע דאגה. איך וועל שוין וויסען ווי אזוי זיא צו נעמען!

יצחק דאס שלאג דיר ארויס פון קאפ. מאך זיך ניט פאר אזא ברויה יונגע פארדערט אזעלכע זאכען וואס...

שלמה לאמיך הערין נא וואס וואס?

יצחק ערשטינס וויל זיא דער זעהן זאל קענען ביידע דייטש! אבער גוט דייטש.

שלמה נא דאס איז אקליינינקייט — ווייטער!

יצחק צווייטינס מוז זיא פריער מיט איהם אלערליי שפיעלען

שלמה הערסטו דאס איז דאך אודאי גוט! —

יצחק קוק אן! קוק אן! וויא האסטו זיך אויס געלערינט דיא מלאכה?.. דריטינס וויל זיא אז אייער חתן זאל גאר הייסן פראנץ!..

שלמה הא?

יצחק הא? אונ פידמינס סוז ער האבין שעהנע שווארצע וואנצלעך אונ דוא האסט נאר אזא בארד!...

שלמה וואס רעדסטו? איך פערשטעה דיך ניט?

יצחק הערסטו דאס איז דאך דיא סבה וואס איך פערשטעה דאס אויך ניט. — איך פערשטעה נאר אזוי פיל אז דאס איז זאקול פון דיא וויסטע ביבלעך אונ דורך זייא איז אזוי אומגליקליך.

שלמה דיל קיין קאפ ניט! — דאס וועסטו מיר ניט איינריידן ביבער פינגן אויס דעם קענטייען. דאס וואדר געבילדעטע פריילין וועט פון אזעלכע פיסטע זאכען ניט ריידן — דא פערשטעה איך מיר עפעס אנדערש זיין דוא האסט זיא וואהרשיינליך שלעכט ערצוינן, זיא האט נאר ניקערט עפעס נאשין פון דיא ביכער אונ עס דאכט זיך איהר אז זיא איז געבילדעט. נאר דאס איז אקליינקייט איך וועל שוין וויסען וויא זיך מיט איהר צו פיהרען. דוא ווייסט וויא מיר נאר! =

יצחק הלוואי! — אז דו נעמסט זיך אונטער לאז דיר גאטט העלפען. איך טראכט אז סיוועט צו געהן שווערליך. נאר איין זאך נעם איך מיט דיר אוים; דוא ווייסט דאך אז זיא איז בייא מיר איין אייניג קינד, ואלסט זיא ניט חלילה דערגזענען, וואס אהרט דיך! גיב איהר נאך וואס זיא וויל. אנדערש וועסטו מיט איהר ניט אויסקומען, וויל איין עקשן איז זיא קיין קלייניגקייט. נאר ווארט דוא האסט נאך צייט ביזט דאך ערשט פון וועג. קום רוה זיך אוים. לאמיר עפעס צו בייסען. איך ווייס אפשר האט זיך דער אייבערשטער צו גישיקט וויא אמלאך. איך וואלט אודאי צו פרידין גיוועהן (ביידע אב

(הינדעלע קומט אן לייענדיג אין פערמיטאפס אין אביבעל וואס זיא האלט אין דיא הענד.

הינדעלע לאנגע. לאנגע שטאנדין זיא אין מיעף קנייגען פערזונקען. איינער אנאונמער בראבענע מאזעשטילע הערשטע אים צימער. מיט פייערינע בליקען שיסעטע זיא פראנץ אן, אונד זיין הערץ פאכטע פיעבעריש.

(זיא רעט צו זיך) גרויסארטיג! סהייסט דאס הערץ האט איהם ניקלאפט.

(זיא לייענט ווייטער) ענדליך וועגדעט ער זיך צו קאראלינא דיא הענדע פאלטענד אונד שפראך. אה דוא מיין ענגעל מיט וועליכעם צויבער האסטו מיך

אמשטריקט! — דיינע אויגן שיינען מיר וויא דער מארגין זא העל! —
דיינע נאזע אה דיינע נאזע, אזא דיא נאזע אלער גאז!

(זיא רעדט צו זיך) גרויסארטיג! וויא דערלעב איך שוין מען זאל מיר דאס זאגען ווייטער.

(זיא ליינט ווייטער) דיין געטליכעס בילד זעהע איך אום טרויטע! — נור איין ווארט מיינע טייערע, און דוא בעגליקסט מיין דא זיין. ביא דיזען ווארטע ווארף זיך פראנץ צו אידרען פיסען, און וויינטע. נור דיעזעס ווארט איך ליעבע דיך זאגסט שטערב איך.

(זיא רעדט צו זיך) ס'איז גאר אפערגיניגען וויא מען איז אזוי פערליבט אי בענעדייע איך דיך קאראלינא! ווייטער!

(זיא ליינט ווייטער) טיעף בעטרעגט פון דען זיפצען איהרעס פיעל געליבטען פראנץ רייכטע איהם קאראלינא איהר אלאבאסטער — ווייסעס הענדכען און זאגט:

איך וויים ניכט וואס מיר פעהלט
איך שטארב פאר אונגידולד
וואס מיך אמהערצין קוועלעט
דראן איז דיא ליעבע שולד
א יא — א יא — דיא ליעבע
זיא האט מיך אמגעבראכט
זיא האט מיך ארימעס מעדכין
אום קראנקען בעט גיבראכט
דיא ראזען ניעדערבליהען
דיא בלעטער פאללען אב
נאנן דא מיך ניכט ערוואדטעט
ערוואדטעט מיך דאס גראב..
א יא א יא..

(זיא רעדט צו זיך) שעהן, שעהן! — וואס דען? ס'איז דען ניט אמת? ווייטער!

(זיא ליינט ווייטער) קוים האטע קאראלינע דאס ליעד גיענדיגט דא פיעל זיא פראנצען

אום דען האלז דיא אמארעטטע זיך צערטליך, אונד קוים האלטע פראנץ איינען קוס אויף איהרען וואנגען דריקען אלס אה וועה העלבע איבערראשונג. דא עפענטע זיך פלעצליך דיא טיהער דעם צימערס אונ קאראלינעס פאטער טראט ראש היינען אין ערשראקען אונ באשעמט פערשטעקט זיך פראנץ אין דעם ווינקעל דעם צימערס קאראלינא טאהט דאס זעלבע אויף דער ענטגעגענגעזעצטען זייטע, ערביטערט איבער דעם ליבהאבער זיינער טאכטער, טראט דער אלטער מיט שטרענגען שריטען אויף איהם צו! — וואס? היער אין מיינעם הויזע וואגסט דוא זעלבעס צו באגעהן? דוא נידערטרעכטיגער! ווער האט דיר דאס ערלויבט? פארט, אום אויגענבליק [illegible] הויזע איך דיך ניעדער אויף ארט אונ שטעלע! —

([illegible] צו זיך) שאדע ווירקליך, דאס איז א שלעכטער טאטע! נאר בעשיינפערליך דארף אזוי צו זיין.

(לייזט ווייטער) מיט געבייליטעס פויסטע יאגטע איהם דער אלטער פארט. דאן ווענדעט ער זיך צו קאראלינא, אונ דוא אונ דוא מיינע טאכטער! שעהמסטו דוא דיך ניט? צו זעלבעס צוועקע האבע איך דיך ערצויגן? אום מיט זעלבעס וואגאבונדען ליעבעס פערהאלטניסע צו האבען? קאראלינא ווייניטע.

(פאר זיך) נעביך.

(לייזט ווייטער) אין מיינעם הויזע זעלבען סקאנדאל צו טרייבען, אונ דאס גראבע האר דיינעם פאטערס צו בעשעהמען? ניין ביזט ניכט מעהר מיינע טאכטער = קאראלינא – פאטער! — ניין קיין מיטלייד. פאטער! פארט!

([illegible] צו זיך) זעהט איהר מיין טאטע וואלט ניט געוואגט מיר אזעלבעס צו זאגען, נאר עס וואלט מיך שוין ניט גיארט ווען איך זאל שוין האלטן דער ביי א דער סוף איז שערן —

(לייזט ווייטער) איינע שעהנע זאמער נאכט! דיא נאטור שליעף אין זאנפטען שלומער אונטער דער בלויען מיט ברילאנטען געשטיקטען דעקע.

(פאר זיך) א דאס מיינט מען דעם הימעל!

(לייזט ווייטער) דער העלע מאנד. —

(פאר זיך) הא — דאס מיינט מען דיא לבנה!

[illegible] (ווייטער) פערשרעקטע זיין בלאסעס געזיכט אונטער דען שווארצען וואלקען
שלאף לאז וועלטצטע זיך קאראלינע אויף איהר ווייכעס לאגער.
טיעפע זיפצער ענטשפרענגטען איהרער ברוסט — פלעצליך הילט זיא
איינע זאנפטע. זיסע שטימע שיען איהר דרויסען אונטער איהרעם
פענצטער צו פערנעהמען. קאראלינע! קאראלינע! דיין פראנץ
ערוואַרטעט דיך הייר! אה עפנע שנעל דאס פענסטער מיר. איך
מוז פליהען שנעל מיט דיר קאראלינע! טיעף בעוועגט פון דען
מעלאדישען טעהנען. דיזער סערענאדא ליעף ראש קאראלינע צום
פענסטער עפענטע עס שנעל אונ מיט דעם צארטליכען הענדכען צום
מונדע צייגטע זיא איהם איין צייכען דער ליבע. פראנץ ערשיען אם
פענסטער אומוואנד איהרען קערפער מיט בייִדען הענדכען אונ
פערשוואנדען ביידע!

(צו זיך) גליקליכע קאראלינע. איך בענעדייע דיך נא? נא? פרעג איך אייך? אויף
ניט אפערגיניגען אזוי צו הייראטען? וואס דען? ווי איין פאטער
קוועהלט מיך אונ מוטשעט מיך איך זאל גלאט אזוי חתונה האבען.
ס'הייסט אזוי טריקען, געזעהן, גערעד, פארגישטעלט אונ פארטיג! —
שטעלט מיר אנידער אדראנג אונ גיעה האב חתונה מאר איהם — איך
זאל מיך אונזייעניגען מיט איהם אויף דער גאס ארויס צו געהן פיר
בלאמבירען זיך פאר דער וועלט וויל איך ניט, איך וועל ניט! —

יצחק (קומט אריין) אוי אוי אינזשנורען, בלאמבירען, הלוואי וואלטען פריער
ניבלאמבירט געווארין אט דיא אלע, וואס האבען גאר אויסגעראכט
דיא וויסטע ביכלעך, זייא זאלין אומגליקליך מאכען קינדער. ווען זיא
וואלט אפשר ניט געוויסט פון דיא ביכלעך, וואלט זיא שוין לאנג
גיוועזין לייטען גלייך. אונ אפשר ווייסט זיא אליין ניט וואס אין דיא
ביכלעך שטעהט — אבי עס איז באשערט מיר אין זיך צו פארטראכטען
דאס לעבען.

חנהלע וואס? ווידער רייצטו מיך! איך וועל דיך פארט ניט פאלגין ניבער
וועסטו מיך באגראבען נא נא (זיא שלאגט זיך מיט דיא הענד אין קאפ)

יצחק הער שוין אויף מאכטער איך מיין עס אין שפאס מען טאר מיט דיר נאר
קיין קאטאוועס ניט טרייבען? נא נא הער זיך שוין אויף זיסע טאכטער

צו פרנערין דוא ווייסט דאך אז דוא נעמסט מיר אוועק מיינע כוחות מיט דיין וויינען ! —

תנהלע וועסטו שוין אבער מעהר ניט ?

יצחק ניין, טאכטער מיינע, איך וועל שוין מעהר ניט, שוין, שוין ! —

תנהלע נא, וואסזשע ווילסטו ? —

יצחק גאר ניט טאכטער מיינע !

תנהלע וואסזשע רעדן זיצטו דא ?

יצחק טאכטער ! זיסע טאכטער ! איך וויל אמאהל ריידן מיט דיר איין ערנסטע זאך — טאכטער ! איך בעט דיך, זאגסטו מיר צו אז דא וועסט מיר ענטפערן ?

תנהלע אבי ניט קיין דומהייטין ! —

יצחק זאג מיר טאכטער : האסט ליעב דיין טאטען ?

תנהלע (מיט קאפריז) יאָ ! —

יצחק שטארק ליעב ?

תנהלע שטארק ! —

יצחק נא טהוזשע מיר צו ליעב איין זאך, נאר דאס מאהל טהו מיר צו ליעב איך גיב דיר מיין ווארט אז מעהר וועל איך דיר ניט זאגן קיין דעה זאגסטו מיר צו ?

תנהלע יאָ נא וואס איז ?

יצחק הער אוים טאכטער : דא איז ניט לאנג גיקומען צו פאהרען איינער פון מיינע אמאהלידיגע גוטע בעסטע פריינד. וואס איך בין מיט זיין פאטער נאך געוועזען בשותפות אין האנדעל, אויך דוא האסט איהם ניט פערגעסען דארפסטו איהם אויך קענען, ער פלעגט זיך מיט דיר קליינערהייט אבשטערהאלטען אונ ער האט דיך נאך דעמאלס מאהל ליעב געהאט — אפיינער יונגער מאן, אונ ניט קיין נאר, ער וועט דא באלד זיין, בעט איך דיך טאכטער נעם איהם אויף וויא עס דארף צו זיין, רעד מיט איהם וויא אמענטש ! אפשר וועט דער איבערשטער העלפען ער וועט האבען בייא דיר חן אונ דאס וועט זיין דיין זיווג ! —

תנהלע (קרימט זיך) זיווג ! זיווג ! פי דיא יודישע שפראך זיווג —

יצחק נא ניין, ניין טאכטער — העלפען אפיינער מאן אונ איז רייך.

חנהלע ווידער רעדסטו מיר פון געלד ? —

יצחק נא גיין ער האט גיט קיין געלד ! זיסע טאכטער וועסטו מיר צו ליב טאָן !

חנהלע מיר וועלין זעהן .

יצחק (ארויסגייענדיג) אוי אוי אפיל הארץ מיט מכות (אב) .

חנהלע אך דיא יודען דיא יודען ! גאר זוית — געלד — גיין פאטער ! איך ווינש גאר ליעבע ראמאן — אזה בעגעדייע איך דיך קאראלינא ! וויא גליקליך זיא ביסט . ווערבעסט דער נאמען זיא שעהן ער קלינגט קאראלינע = וואס דען ? וויא מיין דומער פאטער האט מיך גענענט מיט דעם יודישען נאמען ח־נ־ה־ל־ע פי שמאטציק , אבשיידליך : פאן נון אן הייס איך קאראלינע אונד מיין ברייטיגאם מוז פראנץ הייסען ! —

שלמה (קומט אריין) חנהלע ! — וועה איז מיר אט דאס איז דיא שעהנע חנהלע ! וויא אמענטש בייט זיך איבער אין אזא קורצער צייט — וואס פון איהר איז געווארין ? חנהלע ! אדאס איז דיא חנהלע ?

חנהלע פארדאן ! מיט פראספעקט צו מעלדען , איך הייס ניכט זאה איך הייס קאראלינע .

שלמה אז אך און וועה איז מיר . אפילו פארנארעשט איז זיא אויך געווארין שטאטש וואס רעדסטו ?

חנהלע אונד וויא הייסין זיא ?

שלמה וויא איך הייס ? גידענקסט מיך גאר ניט , האסט גאר פערגעסין ? אז מיר האבין געוואוינט אין שכינות . נאך אז דיא מאמע האט גילעבט אי אי האסט זיך גאר אין גאנצען איבער גיבעטין . וועה אפילו דעם נאמען האט זיא אויך פערלוירען .

חנהלע איך ווייס , איך ווייס ! גלויבען זיא ניכט דאס איך אימער איין קינד בין ! איך פראגע זיא וויא הייסען זיא ?

שלמה האסט פארגעסין שלמה , שלמה וואס פלעגט דיר שטענדיג קאנפעקטין ברענגין .

חנהלע הערין זיא ! שפייזע אויף דער זייטע . ווינטשען זיא מיין ברייטיגאם צו זיין מוסען זיא איהר נאמען וועקסלען :

שלמה (אבארט) וויא נאך אנגפערליכער קרענק (צו איהר) נא נא לאז יטון אזוי (אבארט) דער פאטער האט דאך מיר גיבעטין איך זאל איהר אלסדינג

נאך געבען . —

חנהלע אלזא פון גאן אן הייסען זיא פראנץ —

שלמה פראנץ ? נא לאז זיין פראנץ .

חנהלע יעצט לאמיר זעהן וויא דא שטעהט . (זיא ליינט) לאנגע לאנגע שטאנגען זיא אין טיעפעם שווייגען פערזונקען = איינע אנאנטערבראכענע טויזענשטימלע הערשטע אים צימער — מיט פייערינעם בליקע שויטע זיא פראנץ אן אונ דיין הערץ פאכטע פיבעריש . (זיא טאפט אים ביים הערץ) ;

שלמה וואס טאפט זיא מיך ביים דפק ? —

חנהלע (ליינט ווייטער) ענדליך ווענדעט ער זיך צו קאראלינע דיא הענדע פאלטענד אונ שפראך אזה דוא מיין ענגעל ! נא זאגט מיר נאך אז איהר קענט ניט אליין . (זיא לייגט איהם צוגוויף ביידע הענד) .

שלמה מודה אני לפניך איך וועל טוען וואס דער טאטע הייסט וואס דיא מאמע הייסט וואס אלע פרומע לייט הייסען מיר צו טוען אברכה וצלחה זאל קומען אויף מיין קעפעלע אמן סלה !

חנהלע איהר קאנט ניט ? — זאגט זשע מיר נאך אז איהר קענט ניט אזה דוא מיין ענגעל !

שלמה אזה דוא מיין איינגעל !

חנהלע מיט וועלכען צויבער האסטו מיך אמשטריקט , —

שלמה מיט וועלכען ציבער שלעפט מען דעם שטריק !

חנהלע דיינע אויגען שיינען וויא דער מארגען זון העל !

שלמה גוט מארגין געללע , —

חנהלע דיינע נאזע אזה דיינע נאזע איז דיא נאזע אלער נאזען ! —

שלמה אלדעם ביין !

חנהלע דיין געטליכעס בילד זעהע איך אום טרוימען —

שלמה אלדע בייזע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קעפ ; —

חנהלע נור איין ווארט מיינע טייערע . אונ דוא בעגליקסט מיך דא דיך .

שלמה איך בין נאר פון אייזן אז איך האלט עס אויס ! —

חנהלע ביי דיזען ווארטען ווארפט זיך פראנץ צו איהרען פיסען אונ זייפצט . (זיא טרעט איהם אשלעפ ער זאל פאלען אויף דיא קניע) .

שלמה וואס וויל זיא מיט מיינע פיס?

חנהלע נור דאס איינע ווארט: איך ליעבע דיך!

שלמה ליעב, ליעב!

חנהלע ואנסט שטערבע איך!

שלמה אה דער אייבערשטער זאל היטען! —

חנהלע ניין זאגט, זאגט זאנסט שטערב איך —

שלמה נא נא גלייך וויא געשטארבען!

חנהלע וויס איך נעהמט איהר טויגט ניט. איר קענט ניט עס איז נאך דא פיעל, מען דארף נאך זינגען, מען דארף זיך נאך צו קישען.

שלמה נא ארדבה!

חנהלע דער נאך דארף נאך דער טאטע אן קומען אונ ארויס טרייבען דער נאך דארף מען נאך ארויס גנבענען דורך דעם פענסטער! איהר קענט ניט.

שלמה אזוי? ! קענסט גאר ניט אנדערש פערדייען חתונה צו האבין, גאר מען מוז דיך ארויס גנבענען דורך דעם פענסטער! אוי חנהלע חנהלע.

חנהלע נא! נא! קאראלינע!

שלמה אזוי? אנדערש קענסטו ניט פארטראגן. דיא ברכות זאל איך האבין וויא פיין דוא ביזט געוועזן אז דוא האבסט געהייסען חנהלע, אונ זייט דוא האסט דיר אנאמען געגעבין קאראלינע האסטו טאקי אפנים וויא אקאטרינקע. הער גאר ארים חנהלע וואס טויגן דיר דיא פיסטעס זאכען! איך שטעה אונ זעה דא צו וויא דוא מאכסט דיך משוגע — אה! איך האב עס גאר ניט ערווארטעט פון דיר. איך האב געמיינט אז וואס מען ווערט עלטער ווערט מען קליגער. איך מעג דיר זאגין דעם אמת ווייל איך בין דיר אונ דיין טאטין איין אמת גוטער פריינד. פאלג מיך אונ שלאג דיר ארויס דיא פיסטע זאכען פון קאפ. וואס טויגין דיר דיא פיסטע זאכען ראמאן, טאמאן, ענגעל, שטענגעל. דוא האב בעסער חתונה אונ נעם אמאן וויא עס דארף צו זיין וואס מאכסטו משוגע דיך אונ יענעם. וואס האסטו ניט קיין רחמנות אויף דיין טאטען, קוק איהם אן וויא ער איז נעבעך גראה אונ אלט געווארין דורך דיר. קוק זיך אליין אהן וויא דוא מאכסט פון זיך א תל, געלטערט געווארין עס איז שוין גאר ניט דאס?

חנה'לע אי אי אי (זיא שלאגט זיך אין קאפ) פאטער! פאטער!

יצחק (לויפט אריין) וואס איז דארטען וואס איז?

שלמה קוק נאר אן! פאטער! אי אי איך וואלט זיא גילערינט!

יצחק אפינסטערער חלום אויף דיין קאפ וואס האסטו מיר אן גימאכט פאר אצרה? אט אויף דעם האב איך דיך גירופין (צו איהר) נא שא שא טאכטער! איך וועל שוין מעהר ניט איך וועל איהם ארויס טרייבען!

שלמה קוק אים אן דעם אלטען שוטה ווי ער גיט איהר נאך או אך אונ וועה איז דיר וויא דוא ערציהסט קינדער. גיב איהר נאך גיב איהר נאך, וועסט זעהן שפעטער וואס פאר א סוף איהר וועט ביידע האבין!...

(חנה'לע האלט זיך דיא גאנצע צייט אין איין ווארפין)

פארהאנג פאלט

צווייטער אקט

שטעלט פאר אבולוואר שפעט בייטאג. קבצנזאהן ליגט אויף אבאנק אונ שלאפט הייבט זיך אויף אונ ציהט זיך אוים.....

קבצנזאהן אהו! עס איז נאר וואס טאג גיווארין אונ איך קען נאך ניט שלאפין, דא אין גארטין איז קיהל, די באנק קוועטשט מיר אוים מיינע ביינער. אה, עס איז ביטער. אכלל ס'איז שלעכט — שוין דרייא נעכט או איך וואלגער מיך אזוי. וואס זאל איך טוען? אזוי איז מיין טבע. דערטאא איך נאר עטליכע קאפיקים ווערין באלד אויסגיוואקסין א חברה. איך פארשיכור עס. דאס איבריגע פערשפיעל איך אין קארטין אונ ווער אפיינער לייט — נאר דאס אארט מיך שוין ניט אזוי. דער מאגען, אט דער וויסטער מאגין, ער וויל זיינם ניט שענקין. הינגעריג בין איך אזוי וויא אהונד. אונ עסען מוז מען. ווייל דאס איז וויכטיגער פון אלסדינג. וואררין או איך וועל ניט עסין וועל איך קיין כח ניט האבען צוא הונגערין. אונ ארום צו געהן נאקיט אונ בארוויס! (פויזע) איך זאל דא

דיר־מאפין, עפיס אמענטשעלע אדער מיט גיטען אדער מיט בייזע אמטבע וואלט איך שוין באקומען (ער קוקט זיך אום) דא! גלייך וויא איך האב ארוים גירעדט אין אזא שעה איטיצער געדט לאמיך ניך באהאלטען. (ער באהאלט זיך אונטער אבוים).

הונגערמאן הונגעריג, נאקיט און שלעפעריג! וויין וואס זאג איך, נאקיט שלעפעריג און הונגעריג! — ניין וואס זאג איך: שלעפעריג, נאקיט און הונגעריג! איך פערשטעה ניט? וואס איך שפאר מיך דא אזוי מיט אפנים ווי אזוי איך וועל וועלין לייענען דעם פסוק איז דען מיר ניט אלעס איינס? דאס איז דרייא פערשידענע מלאכי חבלה, וואס מאטערין מיר דיא קישקעס לעבעדיגער הייט. דער קיצעלט מיר אין מאגע, דער רייסט מיר אוים דיא קליידער און מאכט מיר אן אצוג לופט איבער דעם גאנצען לייב, און דער דרעהט מיר און רוישט מיר אין קאפ — אמעהר איך האב גאר פארגעסין דיא דאמע פיק האט מיר אזוי גיפיקט דיא גאנצע נאכט אין קאפ אז איך האב אוש פארגעסין אין דעם הער „מאגען" אזה אז ער הייבט מיך אן צו מאגענען קען איך מאקי פאלען צו דער ערד. עס איז קיין תכלית, מען טוז זעהן עפעס צו קלערין (ער קוקט זיך אים און דער זעהט קבצנזאהן) הא? אט געהט דארט עפים א מענטשיל ער ווייזט אוים אביסיל קויטיגליך נאר דיא לייט פארשטעלען זיך א מאהל איך מוז זיך מיט איהם באקענען.

(אין דער זעלבער צייט ווען הונגערמאן רעד — רעד קאבצענזאהן אזוי)

קבצנזאהן דיא מענטשעליך פארשטעלין זיך צוא צייטען, זייא זעהען ניט אזויא אויס ווי זייא ווייזען אוים, איך מוז מיך מיט איהם באקענען טאמער וועל איך בייא איהם אויסמאנטען עטליכע קאפיקעס.

זייא שלאגען זיך ביידע אן

הונגערמאן גוט מארגין ווינשע!

קאבצענזאהן גוט מארגין ווינשע!

הונגערמאן מיט וועהם האבע איך דיא עהרע?

קאבצענזאהן מיט וועהם האבע איך דאס פערגניגען —

הונגערמאן... הער הונגערמאן דעם גיוועזענעם באנקירס הונגערמאנס זוהן אונד זיא?

קאבצענזאהן און איך בין דער קאבצענזאהן דעם געוועזענעם באנקיר'ס קאבצענ־
זאהנס אייניקל!

הונגערמאן ליידער האב איך אמאלעדר געהאט, די גאנצע נאכט אין קארטן
געשפילט און מיין גאנצעס קאפיטאל פערלומפט.

קאבצענזאהן דאס זעלבע מאלעדר האב איך ליידער אויך געהאט!

הונגערמאן קענט איהר מיר ניט עטוואס אויס בארגען,

קאבצענזאהן פון מיין מויל ארויס גענומען איך האב עס איך נאר וואס געוואלט
זאגען.

הונגערמאן הייסט עס האט איהר נאר ניט?

קאבצענזאהן נאך מעהר ווי געטראפין!—

הונגערמאן זענט איהר פשוט א קבצן?

קאבצענזאהן נאך אריבער ווי געטראפין.

הונגערמאן זענען מיר דאך ביידע אויף איין קרענק.

קאבצענזאהן נאך וואס פאר אקרענק? אז ס'ציהט מיך אזש צוא דער ערד.

הונגערמאן אייב אזוי לאמירזשע ריידין פראסט יודיש. שלום עליכם גוטער
ברידער. ביזטו דאך מיין מענש. (זייא געבין זיך די הענד).

קאבצענזאהן שלום עליכם! ווהר רעכט, נאר וואס קענען מיר דא געהאלפין
ווערין. אזוי האבען מיר געהונגערט יעדער פאר זיך. יעצט דארפין
מיר אין צווייען הונגערין.

הונגערמאן ע דאס איז בלאטע, אבי אין צווייען וועלין מיר שוין עפעס אויס
קלערען. צוויי איז ניט איינער אנוא קלעדר! (קאבצענזאהן טראכט)
נוא וואס קלערסטו אזוי לאנג.—

קבצענזאהן שטעה, שטעה, ווייסטו וואס איך האב אויס געקלערט? ווען איך
זאל האבין געלד וואלט איך עפעס געגעסין.

הונגערמאן פערד! דאס ווייס איך פון פריהער! שלאג מיר ניט איבער איך וועל
קלערין. (ער קלערט).

קבצענזאהן זיא קלער ניט אזויא לאנג ווייל איך וועל גיך אויס האלטען. אזויא
הונגעריג בין איך.

הונגערמאן קום אהער! ווייסטו וואס איך האב אויס געקלערט? ווען גאט זאל
אונז דא באשערין עפעס אריין מענטשעלע וואלטין מיר שוין

געוויסט וואס מיר האבען צוא טהאן.

קבצנזאהן איך האב שוין מורא אויף דעם גאס צוא געהן, ווייל קריגער האט איך אויך גאט געבעטין, האט ער מיר צוא געשיקט דיך — איך שטעל מיר שוין פאר וואס פאר אדלות דער ידישער קען זיין. מיא קוקען זיך ארום אין דער מיטע פון בולוואר בעמערקען זיי אין אלטען מאן געהט פארטראכט אונ ליינט אצייטונג.

הונגערמאן טמי! אט געהט מען, ווערסטו אט דער אלטער מענטש דיר שוין וואס דוא ווילסט פאר אנויט דעם רינג! ווערסטו בלישטשען ביי איהם אויפן פינגער! אונ דאס קיטעלע! אונ נאך דעם קיטעלע דארף מען פערשטעהן שלעפט זיך געווים נאך אצינגעריל. סוועט זיין בעקט!

קאבצענזאהן יוא וואס טהוט מען, איך בין אבער אזוי הונגעריג איך וואלט איהם איין געשלינגען מיט'ן קאפעליש.

הונגערמאן געה פריוו זיך בעטען בייא איהם אנדבה!

קבצנזאהן דאס וועסטו גיט פילען בייא מיר, איך האב שוואכע הענד! געה דוא צוא! —

הונגערמאן איך קען דאס אויך ניט, נאר אז מיר וועלען געהן מיט דרה ארץ וועלין מיר גאר גיט האבען, מען דארף דא געהן קלערין אמישעל צוא איהם. —

קבצנזאהן ווערסטו צו איהם דאב איך שוין אגוטע עצה. איך קען זייא גוט אט דיא אלטע ראקען-פרעסערס, ווייא דוא קוקסט איהם אן דעם אלטען פריוו בעטין ביי איהם אנדבה וועט ער דיר געווים אפזאגען. פאר וואס מיינסטו? ווייל מיר זענען זינדיגע מאנספערזאנען צוא זאטען געשטעלט פון היזען אונ רעק! דעם אלטען דארף מען זעהן מיט עפעס אצופ טוען ביים אלטען הערץ צו ווארעמען עס. אדא וועט זיך אביסיל ארידהר טוען זיין קעשענע. דו פארשטייסט וואס איך מיין? דאז ער גאר דערזעהן אקלידיל. אדא וועט ער אט געבען דיא נשמה אפילו.

הונגערמאן יוא וויאזשע נעמט מען דאס מיידיל?

קבצנזאהן ברהטה אמיידעל וועל איך איהם געבען? אמכה! אקלידעל האב איך דיר געזאגט. א דאס איז דיא קונץ פאר אקלידעל וועט ער געבין

געלד קען זיין אונטער דעם אפילו א שטעקן.

הונגערמאן איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט!

קאבצענזאהן העהר אויס! איך וועל געהן האפען ביי מיין באקאנטער ווערשנע מארגאלע א קליידיל מיט אהיטעלע מיט אזאנטיק און איך וועל מיך אן טיהען פאר א פרויא און דוא אין דער צייט וועסט זיך באהאלטין אונטער דיא בייטער. דאן אז איך וועל אריין קומען אלס פרויא און אנהייבען מאכען דיא חצופה'לע חנדלעך וועט ער זיך אודאי צוא שארען צו מיר. איך וועל זיך אבער אנדערש ניט לאזן רידען ביז ער וועט מיר ניט פריער ווייזען דיין בייטעלע. דענסטמאהל זאלסטו ארויס שפרינגען פון אונטערן בעט איהם איבער פאלין און אנהייבען שרייען אז איך בין דיין פרויא — וועט דאס פאר איהם ניט פאסען דער גיוואלד, וועט ער מוזען געבען געלד, נאר וואס זאגסטו איז דאס א פלאן? (אב).

הונגערמאן נא איז דאס א שארלאטאן! וואס דען זאל מען טהאן. נויט ברעכט אייזען. דיא נויט ברענגט צוא אלעמען. דיא בעסטע ערפינדונגען האבען געמאכט מעהר וויא דיא נויט? אודאי בין איך ניט געוועזען אזוי פראקטיש אז איך בין געוועהן ביים טאטען און דיא מאמע האט מיך פארצערטעלט און האט מיר אלסדינג נאך געגעבען, און דאס איז טאקי געוועהן מיין אומגליק ווארין ווען מיינע עלטערין וואלטען מיך געוועהן געלערינט אמלאכה. זייא זעהען אבער געוועהן מיוחסים און רייך נאך דערצו איז זייא ניט אן גישמאגען דעם זאהן צוא לערנען אמלאכה זייא האבען ניט געוויסט אז ס'קען זיך זייא נאך איבער קעהרען מיט דער פיטער אראפ און זייער זאהן זאל דארפען ווערען אגנב. מיילא וואס קען מען מאכען? ס'איז שוין פארפאלען ווען איך וואלט האטשע געוויסט אז דער רייכער מענטש האט רחמנות אויף דעם ארימען וואלט איך פארשפארט אלע אויפמידהצען, וואס וועל איך מיך נאך שמירען מיין פנים אז איך ווייס אז ס'איז אומזיסט צום בעטיין וועל איך ניט זשאלעווען צוא איהם צו צו טרעטען און בעסער אנדרבה וועט אידר אין מיטטען זעהן אז איך האב רעכט, יעדר ניט צו צום אלטען נייגט זיך מיין ליבער העהר וויס אזוי גוט און שענקט

מיר עפעס אנדבה (דער אלטער גיט אמאך מיט דער האנד) איהר
ווענט ראך דאכט מיר איזר וויא האט איהר ניט איודיש הערץ אין זיך
האט רחמנות אויף מיר שוין דעם דריטען טאג או איך האב ניט
גיגעסין . איהר זעהט ווי ער מאכט זיך טויב . ער פארשטאפט דיא
אויערין מיט וואטע . מיין ליבער הער ! האט רחמנות איך האב אווייב
מיט קינדער דיא שטארבען פאר הונגער , שענקט מיר עפעס אויף
ברויט .

אלטער (בייז) פארט !

הונגערמאן אט האט איהר ! וואס רעט איך קען דיא ניט דיא אלטע
שארלאטאנעס . אט לאז ער נאר דערזעהן א קליידיל וועט איהר זעהן
וויא ער וועט זיך באלד אומקוקין . ס'וועט מיט איהם אוואדף טהאן
דיא אקדתת . אונ וויא גיך ער וועט אפעפען טהאן דאם בייטעלע , זיא
זאל נעמען וויפיל זיא וויל — שא אט געהט מיין קבצנואהן ס'וועט
זיין רעכט .

קאבצענזאהן (קומט אריין פערקליידעט אלס פרויא מיט אזאנטיג אין דער האנד
אונ מיט דער אנדערער פאכעט ער זיך מיט אפעכער) דאם וועטער
איז שעהן . דיא לופט איז פריש אין גארטען , אבער זעהר ווייניג
מענטשען שפאצירען היער אים גארטען —

דער אלטער (קוקט זיך אום לייגט אוועק דיא צייטונג - קוקט זיך גוט צוא) אי !
אי ! אשעהנע וואקס אשעהנע טאליע ס'איז מאקי גאר אה ע ע ע
מאדאם !

קאבצענזאהן וואס ? גלויבען זיא דאם איך זוי אלט בין דאם זיא נענען מיך מאדאם ?
איך בין נאך א פריילין ! —

דער אלטער אוי אפיסקעלע , אשפראכע עס צוא געהט זיך אין איטליבעם אבר !
ענטשולדיגען זיא פריילין זינד זיא נאך אונפערהייראטעט ?

קבצנזאהן . איך האבע איהנען שוין איינמאהל גיזאגט , אבער וואס ווינשען זיא
פון מיר ?

דער אלטער וועה וויא האלט איך עם אוים , הערט אשפראכע , זיא צוא ווארעסט
מיר מיינע גלידער הערט א שטימע זעהט אפיסקאניא אויך איך האבע
קיינע פרויא איך בין נאך אונפערהייראטעט —

קבצענזאהן יא וואס געהט עס מיך אן? וואס ווינשען זיא פון מיר?

דער אלטער וואס איך ווינשע? (ער ריקט זיך צו צו אידר).

קבצנזאהן ביטע נור איין ביסכען ווייטער! —

דער אלטער אביסכען ווייטער! וואס פאר אויסע דייטשע שפראכע!

קבצנזאהן (אפארט) אנא יאהר אויף דיר. (צום אלטען) ע וואס מאכען זיא אבער דאס איז צו פיעל? —

אלטער צו פיעל חה חה נא הערען זיא מיין מייעבעס פריילין! זיא וואלט וויסען דאס איך בין רייך זעהר רייך.

קבצענזאהן נא וואס געהט עס דען מיך אן?

אלטער וואס? וואס זיא ווינשען האבען זיא ביא [illegible] מיר פיר איינען קוס!

קבצנזאהן הא שעהמען זיא זיך נים אידר אלטער!

אלטער וואס שפרעכען זיא פאס אלטער אבער געלד האבע איך!

קבצנזאהן דאס איז דאך אידר געלד וואס האב איך דען דאפאן?

אלטער אה זיא קענען אויך האבען זיא קענען דאס גאנצע בעקומען נור פיר איינען קוס —

קבצנזאהן האבען זיא דען דאך פיעל געלד? צייגען זיא מיר!

אלטער וויזט אידם דאס [illegible]על קב[illegible]ן האפט עס אים און [illegible] אסיגנאל הא! הא

הונגערמאן (שפרינגט ארויס פון אונטער דעם בוים) וואס איז דאס? וואס האט אידר צו מיין פרוי? ע מענטשען קומט אהער.

אלטער נאט איך נאט איך אלסדינג אבי לאזט מיך צורוה. (זייא רייסען ביא אידם אפ דאס קייטיל מיטן זייגער און דעם ראק דעם פאלטאה שלאגין אידם אוןווארפען ארויס).

הונגערמאן (לאכענדיג) ס'איז נאר קיין פלאן קיין שלעכטער

קבצנזאהן ווארט אויס איך האב נאך א בעסערן! דא אין שטאט איז דא א קארגער עושר ר' יצחק ער האט איין אלטע מויד פון א יאהר 29.8..7.6, זיא וויל אויף קיין פאל ניט התונה האבען נאר ביז זיא וועט דערטאפען איינג יונגעלע ער זאל רידען דייטש האבין שווארצע וואנצעלעך און הייסען פראנין זיא האלט שטענדיג א ביכיל אין דער האנד. אראמאן. איך בין גיוואר געווארן או זיא וועט

אנדערש נים תתונה האבין גאר וויא עס שטעהט אין דעם ראמאן:

הונגערמאן אין דעם ראמאן הייסט דאך דער העלד פראנץ?

קבצנזאהן נא וועל איך הייסען פראנץ, פאר מיר איז דאך אלס איינס וויא איך הייס. צו איך הייס גנב איז בעסער? דיא גאנצע זאך איז צו אהער האב איך גיט געקענט אויס פיהרען מיין פלאן וויל איך בין געגאנגען אפ גירוקין ווא וואלט מיך באלד ערקענט אז איך בין אשטרענגאר: יעצט אז איך האב שוין געלד וועל איך מיר קויפין אשיינעם אנצוג אונ דוא וועסט זעהן וויא איך וועל איהר געפעלען אונ וועל מיט איהר תתונה האבין. איך וועל מיט איהר שפיעלען אליעבע אז דער קאפ וועט איהר האַרט ווערין. דייטש רעדען קען איך דאך אונ פראנץ הייסען איז דאך ביא מיר קיין מלאכה גיט. אונ אפאהר האנצעלעך וועל איך מיר מאכען. נאר דיך וועל איך בעטען דוא זאלסט זיך צו מיר ניט ווייזען דיא גאנצע צייט ביז איך וועל תתונה האבין מיט איהר אונ איהר קאפיטאל וועט ליגען ביא מיר אין דיא הענד. דערנאכדעמאהל וועלין מיר לעבען גא וואס זאגסטו צו דעם פלאן?

הונגערמאן ס'איז אויך קיין פלאן קיין שלעכטער. (זיא זינגען:)

1.

קבצנזאהן
יעדער מענטש אויף דער וועלט
וואס מהוט דען ניט אין א נויט
דער מהוט עס צו ליעב דעם געלט
דער צו ליעב א שטיקיל ברויט
אפילו דער גרעסטער עושר
געהט פון דער דאלע נישט ארויס
דער מהוט עס קלאמערשט מיט יושר
דער שווינדעלט דער נארט אויס
ס'איז אויך קיין פלאן קיין שלעכטער
איך קאך אזש פאר געלעכטער הה חה חה חה

2

דארף זעהט אין אדוואקאט
איינם נאר אין דער וועלט
נאר אין א קורצער צייט
לאדט ער אויך דאס געלד
ער לאדט עס באמת אויס
ביים סוחר ביז אין איין פרוטה
ער שטעלט אבער אויך ארויס
דעם קליענט א פייג א גוטע א. ז. ח.

3

א שרייבער א גימיינער
גיהאלט נעמט ער גאר ווייניג
וויא קומט עס פרעגט נישט קיינער
וואס ער לעבט זיך וויא א קעניג
ווייל מיט דער רעכטער האנד דער [illegible]
ווען ער האלט דיא פעדער
מאכט ער מיט דער לינקער
אט אזוי כסדר א. ז. ח.

4

איינער האט א סאנאדין
שוין נאר אפ צו באהלען
וואס טהוט ער אז צום טערמין
האט ער נישט צו באצאהלען
ער צינט עס אונטער צום [illegible]

און מאכט א גוט געשעפט
און מאנט ביי דער אנדערע
דאפעלט וואס דאס באטרעפט א. ז. וו.

5

פאר ליבט אין א יונגען מאן
איז איין אלטע דאמע
עס וואלט איהר גיכער גיפאסט אז זיך
פאר איהם אליין א מאמע
זיא גיט איהם איהר עשירות
ביז אין דער לעצטער קלינגער
און ער נעמט ביי איהר דיא לידעם
און שענקט אוועק א יונגער א. ז. וו.

6

איין אלטער אלמן דורט
נעמט נאך גאר א יונג ווייביל
זיא שווערט איהם אויף איהר ווארט
אז זיא ליעבט איהם וויא א טייבעל
ער ברענגט זיך אום דער אלטער
און טהוט זיך כל העצות
און זיא קושט זיך מיט דעם בוכהאלטער
הינטער זיינע פלייצעס א. ז. וו.

ענדע דעם צווייטען אקט

דריטער אקט

ישמעלט פאר דאס זעלבע צימער ר' יצחק'ס פון דעם ערשטען אקט קאראלינא זיצט נעבען אמיש) אונ וויינט יצחק שטעהט נעבען איהר...

יצחק וויין, וויין טאכטער! יעצט וועט מען דיך שוין ניט הערין אז דוא וועסט וויינען אונ קלאגין אפילו! אז דוא האסט איהם שוין גיקענט אם זאגין — שלמה'ן, מיינער אונ דיינער גוטער פריינד מענסטו טאקי וויינען! אזא פיינער יונגערמאן, ניט קיין נאר אונ ניט אנגעבילדעט אונ רייך. איין אנדער מיידעל אויף דיין ארט וואלט זיך גליקליך גישעצט. ווען ער זאל זיא ווילין נעמען — נא! ווער וועט זיך איף דיר היינט אומקוקין אפילו מיט דיין געלד! ביסט שוין אלט, ביסט ניט אזוי שעהן וויא אמאהל, האסטו איהם שוין אנגיוואוירען טאכטער קענסטו שוין וויינען — איך וועל שוין אויף דיר קיין רחמנות האבין אז דוא האסט אויף דיר קיין רחמנות.

חנה אך לאז מיך צו רוה, איך קען יעצט מיט דיר ניט שפרעכין איך בין עפעס שמאכטעטעריש...

יצחק שמאכטעטעריש?... וועה וועה איז צו מיר (אב).

חנה (זיא קרימט זיך נאך) שלמה'ן זאל איך איהם נעמען! א טייערער נאמען „שלמה" גלאט ער וויל איך זאל אזוי חתונה האבין: גוט מארגין גוט יאהר! — ניין מיר ריכט עס ניט אין דער נאזע, איך וואלט גיוואלט ס'זאל זיך ראשען, טאראראמען, פילדערין, אט אשטייגער וויא דא (זיא ווייזט אויף דעם ביכעל).

בעדינטער איינגער מאן פרעגט זיך צו אייך, זאל איך איהם אריין לאזין?

חנה וויא הייסט ער?

בעדינטער ער זאגט מיר ער הייסט פראנץ פראנצענזאהן! —

חנה געדאפעלט?... בעט איהם אריין! — (דיענער עפינט דיא טהיר).

קבצנזאהן (קומט אריין שארלאטאניש) זיין קאמפלימענט ווערטעס פריילין.

חנה מאהל בעקומען! — ביטע פראנצען זיא . (אפארט) זיא שפעהן ער נישט דייטש .

קבצנזאהן (אפארט) וועלכע שיינהייט! —

חנה (אפארט) אונ הייסט פראנץ!

קבצנזאהן (אפארט) רייצענד אונ יונג!

חנה (אפארט) אונ מיט שווארצע וואנצעלעך!

קבצנזאהן (צו איהר) ענטשולדיגען זיא וואס פאר אבוך איז דיעס ויא ערלויבען?

חנה יא , גיין, איך ביטע, זיא האבען בעשאמפעלעך געלעזען דעם ראמאן „דאס גליקליכע עהעפאאר“.

פראנץ אה! דאס?.. אה! יא אך! (ער זיפצט):

חנה זיא זיפצין הער פראנץ? פראנץ הייסען זיא גלויב איך?

פראנץ צומבעליעבען — אונ זיא וואן איך פרעגע דארף?

חנה (צו לייגט דאס ווארט) קא-רא-לי-נא!

פראנץ קאראלינא? מיין גאטט!

חנה (אפארט) אדאס איז אט אפנים דאס גליק וואס איך האב אזוי לאנג ארוים גיקוקט אויף איהם — אנא לאמיר נאר אריין קוקן אין בוך.

(זיא לייגט לאנגע שטאנדיין זיא — (אים זויא וויטער).

פראנץ (טהוט אפאל אויף דיא קניע) אט דא מיין ענגעל! מיט וועלכען צויבער האסט דוא מיך אמשטריקט דיינע אויגען שיינען מיר ווי קשר מארגין זויא העל — דיינע נאזע אה דיינע נאזע איז דיא נאזע אלשר נאז — דיין געטליכעם בילד זעהע איך איהם טרויטע נור איין ווארט איך ליעבע דיך זאגסט שטערבע איך! —

חנה (אפארט) גוט גוט , יעצט לאמיך זעהן וואס האב איך צו טוען (זיא זינגט) איך וויים ניט וואס מיר פעהלעט (ער זינגט מיט איהר צום שלוסס פון דעם ליעד צו קישען זייא זיך אין דעם מאמענט קומט אן יצחק).

יצחק וואס איז דאס? (ער געהט צו צו קבצנזאהן אונ קוקט איהם אן) מיט וואנצעלעך? יוא אמת מיט וואנצעלעך (ער באקוקט איהם פון קאפ ביז פוס), אט דאס איז דער פאלאסטראנט? נא אודאי איז כדאי גיוועזן צו ווארטין אויף אזא סחורה! קוק אן קוק אן אוים גיפוצט אונ האט

אודאי ניט אקאפיקע ביא דער נשמה.

פראנץ פון וואנען האט ער גיטראפין ?

יצחק אבער וויא קומט ער אהער ? דורך וואנען איז ער דא אריין אין שטוב ?

פראנץ אבער דאך וואנען קומט מען דא ארוים ?

יצחק אט דאס איז אשארלאטאן ! מען קישט זיך שוין גאר ? הער ניר דיא פיינער יונג ! וואס טהוסטו דא ? וואס פאר ארוח האט דיך גיבראכט אהער ?

פראנץ וואס פאר ארוח האט איהם אנגיטראגין אהער ? —

יצחק האסט קיין אנדער ארט ניט גיהאט אוים צוא ברענגען דיין שארלאטאנסטווע נאר דא ביי מיר ? אומגליקליך צוא מאכען מיין טאכטער ? ארוים ! (ער טרייבט איהם ארוים).

חנה (אין ביכיל קיקינדיג) אבער ניט איין ווארט וויא דא שטעהט ?

יצחק (צו חנה) אט דאס איז אפנים דיין זיוויג ! — וויפיל איך האב דיר איבער גירעדט שידוכים איז דיך שוועהר גיוועזן צוא בייגען און דא האסטו זיך אזוי גיך גיזיווגט ? אשיינער בייט פון שלמה'ן אויף איהם. גא און אזוי איינער מיינסטו וועט דיר קענען ברויט געבען ?

חנה (דיא גאנצע צייט קוקענדיג אין ביכיל און רעד צו זיך) אבער ניט איין ווארט וויא דא שטעהט אבער איך וועל איהם אנדערש ענטוועריו.

(צו איהם) איך פרעג דיך נאר וואס ווילסטו פון מיין לעבען האבען וואס לאזטו מיך ניט גיבינדייען אויף דער וועלט ? קוים האב איך גיהאלט אביסיל צו זיך קומען זיך אביסיל ווידערהאלען טראגט ער איהם אן אין מיטען ! — יוא נא וואסושע ווילסטו ? אדאס איז מיין זוויג.. אט אזוי וויל איך ! און דיר זאג איך הערסטו ? איך זעה דאך אז דוא האסט איהם ארוים גיטריבין אויף דער אמתן זאג איך דיר אז דוא וועסט מיר איהם ניט לויפען אפזוכען און מיר איהם ברענגען אהער גיפינסט דוא מיך נישט מארגענדיגען טאג ביא דיר אין שטוב. ויא מען האט אהעזה אמענטשען ביא מיר אין שטוב צו בלאמבירען. פי שעם דיך ! — נאר איין עק ברענגסטו מיר איהם צוריק איז גוט.. אלא ניט...

יצחק נא שא שא טאכטער! אט גיה איך איהם אפ זוכען שא שא (אב).

חנה האט איהר געהערט איין אונשיקעניש אויף מיין קאפ? איך האב קיים דערטאפט מיין פארטיע: מיין פראנצען אונ רעד אזויא שעהן דייטש אונ מיט שעהנע שווארצע וואנצעליך, אונ שפילט דעם ראמאן פאלקאמען טראגט עס איהם אהן. קומסט אריין זעהר רעכט רעד וויא אמענטש, וויא אין ביכיל שטעהט, ציין רעד ער נאר פאר פייער אונ פאר וואסער אונ מיינט עס טאקע ערענסט, לאמיר נאר זעהן וויא ער וועט מיר ניט צו ליעב טוען? — מיר איבער שלאגען מיין ראמאן!... אזא שיינער טייערער ראמאן, איטליכעס ווארט איז גאלד פערעלעד שיטען זיך פון יעדען ווארט.

(ויא ליינט ווייטער) איינע שעהנע זאמער נאכט, דיא נאטור שליעף אין זאנפטין שלימער אונטער דעם בלויען מיט בריליאנטין געשטיקטע דעקע דער העלע מאנד פארשטעקטע זיין בלאסעס געזיכט אונטער דיא שווארצע וואלקען שלאף לאז וועלטצע זיך קארלינא אויף איהר ווייכעס לאגער טיעפע זיפצער ענטשפרונגען איהרער ברוסט פלעצליך העלט זיא איינע זאנפטע זיסע שטומע שיען איהר דרויסין אונטער דען פענסטער צו פערנעהמען. (אין דעם מאמענט זינגט פראנץ אונטער דעם פענסטער קאראלינא).

חנה (הערט זיך צו) (ליינט) טיעף באוועקט פון דעם מעלאדישען טענע קאראלינא ליעף ראש צום פענסטער אונ (זיא ענטלויפט זורק'ן פענסטער).

יצחק (קומט אריין פון דער מיטעל טהיר) זיא האט מיך געשיקט איהם אפזוכען, איך וויים וויא ער האט געקענט אוועק, גיה זיך דעם געכטיגען טאג, נא דיר אזא שלימאזיל אויף מיין קאפ. דאס איז נאך מעהר וויטיג איך אליין זאל נאך געהן איהם אפ זוכען? אלא ניט זאגט זיא אוי דער אלא ניט, חנהלע מיין טאכטער! שא אדאס איז שעהן! חנהלע! חנהלע! מיר דאכט אז זיא איז שוין אויך ניטא, נאך דאס וואלט מיר גיפעלט. אצונד דארף מען שוין לויפען ביידע זוכען. חנהלע וויא ביסטו. (ער לאזט זיך ארוים לויפין. שלמה קומט איהם ענטגעגען.

שלמה שטעה שטעה וויהין לויפסטו?

יצחק אי לאז מיך (ער וויל ארוים לויפין).

שלמה (האלט איהם צוריק) וואס איז דא? וואס איז?

יצחק עס איז שוין רעכט פרעג ניט — אי לאז מיך גיכער!

שלמה וואסזשע איז דא? דערציייל מיר אויך!

יצחק איך מוז זיא שוין געהן אפ זוכען זיא איז אנטלאפין.

שלמה אט דאס איז נאר? קומזשע צוריק אונ זעצט דיך אנידער ריא נארישער מאטע. אונ מאך ניט אזא גיוואלד איך וועל זיא דיר אפ זוכען.

יצחק וואס רעדסטו! דוא ווייסט וויא זיא איז?

שלמה אז איך זאג דיר מעגסטו מיר גלייבין, זיא איז בייא מיר אזוי טייער וויא בייא דיר, ווארט זיטץ נאר אנידער האב צייט.

יצחק זאגזשע מיר גיכער אונ נעם מיר ניט ארוים מיינע כוחות דוא ווייסט דאך אז מיין גאנץ לעבין הענגט אין איהר.

שלמה איך וועל דיר זאגין, איך בין שוין דערגאנגען אלעס דא איז אזוי וויא איך האב דיר גיזאגט, דא איז קיינער ניט שולדיג נאר דוא אליין ערשטינס גיסטו איהר פיל נאך. צווייטינס האסטו זיך ניט צו גיהערט צו איהר בילדונג דוא זאלסט זיא גיוועהן רעגעלמעסיג בילדין אונ ערציהען וואלט אנדערש גיוועהן זיא האט גילייגט אין ביכעל אויף איהר לעבען אונ דאס ביכעל איז בייא איהר תורה משה אונ נעמט שוין דערפין אמוסר אונ וויל נאר טוען וויא אין פסוק שטעהט. אצונד איז זיא אנטלאפין מיט איהם דורך דעם פענצטער אונ זיצט אוודאי מיט איהם אין הויף אדער אין קעך זיא האט מיט איהם אזוי גיראפט אנטלויפין דורך דעם פענסטער אזוי וויא דוא. נאר אין ביכעל שטעהט דאך אזוי!... באלד וועסטו ערהאלטין פון איהר אבריף דוא זאלסט זיא בענטשען, אונ זיא וועט מיט איהם חתונה האבען, דוא וועסט עס איהר מוזען צו ליעב טוען מיט דעם וועט זיך ענדיגען דער ערשטער טייל פון דעם ראמאן. מעהר וועט זיא דיר שוין קיין קאפ ניט דילען דאס מעגסטו זיין זיכער. ווייסטו פאר וואס? ווייל אין ביכעל שטייט שוין ניט

מֶעהר. נָאר בַּיים צְווייטֶען טֵייל פוּן דֶעם ראמאן ווינְטְשׁ אִיךְ מִיר נִיט צוּ זַיין, וִויא הָאט אַריין גִיקוּקְט אִין בִּיכֶל אוּנ הָאט נִיט גִיזֶעהְן מִיט וָועהמֶען וִויא פֶערבִּינְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנִיפֶּעהרְלִיכֶער דָאס זַיים אִיךְ. נָאר אִיךְ וָועל דִיר דַיין הֶערְץ מֶעהר נִיט שְׁוֶועהר מַאכֶען הלוואי עֶס זָאל זִיךְ אוּיס לָאזֶען צוּם גוּטֶען, אִיךְ בִּין אַייךְ אוּדאי גִיטְרַייא, אוּנ וִויא טוּהְט מִיר שְׁטַארק בַּאנְק — אַלְזוֹיא וויסֶען זָאלְסְטוּ אַז אִיךְ פָאהר יֶעצְט אַוֶועק וֶועגֶין מַיינֶע גִישֶׁעפְטֶין דוּא וֶועסְט מִיר אוּדאי נִיט וָועלִין שְׁרַייבִּין וָואס דָא וֶועט פָארְגֶעהְן. הָאבּ אִיךְ מִיר דָא בַּאשְׁטֶעלְט אַגוּטֶען פְרַיינְד וָואס עֶר וֶועט מִיר מִיט יֶעדֶער פָּאסְט שְׁרַייבִּין וָואס דָא וֶועט פָארְגֶעהְן, אוּנ קוּים וָועל אִיךְ הֶערִין אַז דִיא שְׁטֶעהט שְׁלֶעכְט וָועל אִיךְ אוֹיגֶענְבְּלִיק קוּמֶען אַהֶער. דִיא הָאפְנוּנְג הָאבּ אִיךְ נִיט פֶערְלוֹירֶען. נָאךְ אַלֶע זַאכֶען זָאג אִיךְ דִיר אַז וִויא בְּלַייבְּט מַיינֶע אַדְיֶע (אב).

בעדינטער (קוּמְט אריין מיט אבריף) אַיין בְּרִיף פוּן אַייֶער קִינְדֶער!

יצחק נָא נָא רִיף זֵיי שׁוֹין אַרַיין מיילא וָואס זָאל אִיךְ טוּעֶן.

חנה (גִעארימט פראנצען) הָאבֶּע דִיא עֶדְרֶע פָּאהר צוּ שְׁטֶעלִין מַיין גֶאטְזָעלִיגֶען פַאטֶער זָאל לֶעבֶּען.

פראנץ בָּרוּךְ דַּיָּין אֱמֶת!

חנה פַאטֶער דַיין זֶעגֶין! וָואס ווַיינְסְטוּ?

יצחק פַאר שִׂמְחָה טָאכְטֶער, לָאז דִיר גָאטְ הֶעלְפִין וִויא אִיךְ ווינְשׁ דִיר (ער לייגט ארויף אויף ביידע דיא הענד בענשט זייא וויינענדיג אונ גֶעהט אב).

חנה עֶס אִיז אפילו נִיט אַזוֹי גוּט דַייטְשׁ נָאר לָאז זַיין הַא! וָואס זָאגְסְטוּ פראנץ?

פראנץ פַארְשְׁטַייט זִיךְ, עֶרְשְׁטִינְס הָאט דֶער פָאטֶער דֶעם ראמאן נִיט גִילֶעזֶען אוּנ צְווייטֶענְס שְׁטֶעהט דָאךְ מֶעהר נִיט אִין בִּיכֶל גִישְׁרִיבֶּין ווַייל דָא הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט דִיא עֶרְשְׁטֶע טְהֵייל פוּן דֶעם ראמאן.

חנה וָואס ס'אִיז נָאךְ דָא אַ צְווייטֶער טְהֵייל? אוּנ אִיךְ ווַייס נָאר נִיט?

פראנץ עֶ עֶ עֶ נָאךְ וָואס פַאר אַמֵייל פִיל שֶׁענֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען.

חנה קֶען אִיךְ אִיהם לֶעזֶען?

פראנץ ניין! נאר איך קען איהם אויסענווייניג. וויל דער צווייטער טייל איז מעהר פראקטיש. איך וועל איהם מיט דיר דורך געהן וויא עס דארף צו זיין.

חנה איך בעט דיך וויא הייבט זיך אהן דער צווייטער טייל.

פראנץ דאס געדענק איך אז פראנץ מיט קאראלינע מוזן חתונה האבען.

חנה נא דאס וועט דאך במילא זיין.

פראנץ און קאראלינא מוז אויס ווערקען ביים פאטער סאי מיט גוטען סאי מיט בייזען ער זאל אויף איהם פארשרייבען דאס הויז מיט זיין גאנצען פארמעגען.

חנה אַ דאס איז אקליינינקייט דוא ווייסט דאך אז איך האב דיא דעה ביים טאטען. נא ווייטער.

פראנץ יעצט קען איך מיר גראדע ניט אזוי פיל ערמאנערן נאר צו ביסלעך וויים וועל איך דיר שוין דערצעהלען דא הא עס קומט פאר מען דארף זינגען, פריילין זיין. אבלל מען טאנצט און ס׳איז פריילין.

חנה א לעבען זאלסטו.

פראנץ אט נא דיר שוין אביישפיל דאס ערשטע ליד טאנצט אזוי אהן.

(ער זינגט)

נימא שוין דיא צייטען
פון כלי זמרים און בדחנים
מיר מענטשען מיר לייטען
דארפען קיין שדכנים
אט אזוי אט אזוי
האט מען חתונה גאנץ פיין נאך דעם ראבאי
און אליעבע מוז זיין.

מיר יונגע לייט מעגען
נאר אנדערש הייראטען

מיר דארפן ניט קרענק

קיין מאמען .קיין טאטען

אט אזוי אט אזוי

האט מען התונה גאנץ פיין נאך דעם ראטען

און אליעבע מוז זיין.

סיא טאנצען ביידע פארהאנג פאלט

ענדע דעם דריטען אקט

פירטער אקט

שטעלט פאר חנה'לעס ארעם ציממער אויף איין אלט צו בראכען טישעל ליגט אבריעפעלע.

שלמה גימא קיינער אדא אפנים וואהנען זיא. גאר ניט מיאוס ליידיגע פיער ווענט. א טישיל אבענקיל. א שעהנער תכלית גיווארין פון אזא עשירות. איינינע מאנאטה נאך זייער חתונה האבען זיא שוין פיעל איינגעבראכט אין דער ווירטשאפט. דאס הויז האט מען צו גינומען פאר שולדין. דאס מעבעל פארקויפט, אונ חנה'לע קוהעלט זיך אלין ניט. איהר שטרענגער פאהרט ארום איף דער וועלט שארלאטאנעווען, אונ זיא פארקויפט פון זיך דאס לעצטע קלייד אונ שיקט איהם צו אויף הוצאות. ניין! יעצט פאהר איך שוין ניט אוועק פון דאנען ביז עס וועט שוין גענומען אין עק. (ער דערזעהט אבריף) הא! אבריף? אודאי פון איהר פראנצין. — (ער לייענט) יוא הלעבין! ח ח ח אדאס איז אשטרענגער ער האט אפילו אויף קיין פאפיר ניהאט האט ער גינומען אשפייזע קארטע פון דעם האטעל אונ האט אויף דעם אן גישריבען אבריף, וואס דא טהוט זיך, אוים גימישט פאעזיא מיט שלעכטע איגערקעם ווינער שניצעל מיט ליעבעס ערקלעהרונגען אונ זיא לייגט עס אודאי אונ קייעט אין דער פון. נארישע חנה'לע! מיר געלין ווען איך וועל פריווען רעדין מיט איהר, אפשר האט ער זיא שוין אנגילערינט אהא זיא גייט.

חנה'לע קומט אהן

שלאמאן! וואס טהוט איהר דא? אגאסט

שלמה   וויא געהט עס דיר הנהלע ?

חנה   וויא זאל עס מיר געהן איך האב מיך ניט צו באקלאגין , גאטט זייא דאנק .

שלמה   נאך יעצט ווילסטו מיך נארען הנהלע ! מיין ניט אז איך וויים פון גאר ניט . איך וויים אלעס וואס דא געהט פאהר , איך וויים וויא דוא לעבסט . איך וויים וויא ער האט דיך אויסגיבראכט , איך וויים אז דיין פאטער איז פאר צרות גישטארבין . איך וויים וויא שלעכט דיר איז אז דוא האסט ניט מיט וואס אטאג איבער צו לעבען . איך וויים אז דיין בראנץ פאהרט ארום שארלאטאנעווען , אונ דוא פארקויפסט פון דיר דאס לעצטע קלייד אונ שיקסט איהם ארויס איך וויים וויא אומגליקליך דוא ביזט יעצט בין איך גיקומען דיך ראטעווען ,

הנהלע   וויא הייסט ראטעוויק ?

שלמה   פריהער האסטו ניט גיוואלט הערין אז מיר האבין דיר בראפעצייהט אז דער סוף וועט אזוי זיין . יעצט דארפט מיר איז שוין צייט וואלטסט זעהן וויא שלעכט אונ טרויריג עס גייט דיר דער צווייטער טייל פון דעם ראמאן אונ וואלסט זעהן וויא גיך ס׳זאל געהמען איין עק !

הנהלע   וואס מיינט איהר מיט דעם ?

שלמה   איך מיין אפ ראטעווען דיין עהרע דיין לעבען פון דעם שטרינגאר כל זמן ס׳איז נאך צייט .

הנהלע   דער וויל איז נור מיין מאן . דארפט איהר איהם ניט באליידיגען אויב איהר זענט מיר ווירקליך אגוטער פריינד .

שלמה   האב רחמנות אויף דיר הנהלע !

חנה   אויב איהר ווילט אזוי גוט זיין וועל איך אייך עפעס בעטען איהר וואלט מיר צו ליב טוען . מיין מאן דארף באלד אנקומען פון גאלאש ריגעטש איך ניט איהר וואלט זיין דערביי .

שלמה אריע! אויפס ווידער זעהען (אב)

חנה שלמה איז פיין דאס איז אמת – נאר —

הנגערמאן (פאלט אריין) נאך ניט גיקומען מיין ברידער! מיר האבען ערהאלטען א בריף אז ער דארף היינט קומען!

חנה איך האב אויך ערהאלטען א דעפעשע אז היינט מיטין לעצטען צוג קומט ער.

הנגערמאן אזוי? מיטין לעצטען צוג דארף מען געהן אויפן באהן איהר געהט ניט?

חנה ניין איך מוז איהם דא אין דער היים ערווארטען.

הנגערמאן אבער אבאקשיש וועל איך האבען אז איך וועל איהם אייך ברענגען! (אב).

חנהלה לאמיר זעהן אכט דער ווייטער. ער איז מחויב באלד אן צו קומען. אלעבעדיגער יונג. נאך צו פיעל לעבעדיג, פון דער חתונה אן זעה איך איהם זעלטען אין דער היים. נאר ער מאכט רייזען. נאר מן הסתם ווייסט ער – ענדליך האב איך ערהאלטען פון איהם א בריף אז ער קומט, נאר איך פערשטעה איהם ניט. ס'איז עפעס אוים גימישט פראכט יודיש מיט טיעף דייטש נאר מיט גרויס מיה האב איך פערשטאנען אז ער דארף נייטיג געלד, האב איך איהם צו גישיקט. ער איז געבליבען גיוועהן פערשולדיגט אין האטעל איבערן קאפ און האט ניט גיהאט מיט וואס אהיים צו קומען אזוי דאכט מיר שטעהט אין בריף. אנא לאמיך נאך אמאהל לייענען. (זיא נעמט דעם בריף). עפעס איז ער האלב גידריקט. האלב גישריבען, האלב יודיש. האלב דייטש. נאר מן הסתם איז דיא מאדע אזויא. (זיא לייענט) מיינע טייערע שפייזע קארטע האטעל צוקער! קאראלינא, דוא וועסט מיר געוויס ענטשולדיגען וואס איך האב אין גאלאץ קיין גוטע גישעפטען גימאכט. דיא צייט איז זעהר שלעכט קאלטע שפייזן סערדינגען קאוויאר האלבע פארציאנען זאכצינ סאנטען. [illegible]

ידן אשלעכטע צייט. (קיא ליינט ווייטער) איך געה ארום די גאנצע
טעג אונ ניפן גאר ניט ברויט סוטע באליאן – ווייך די נעכט קען
איך ניט שלאפן. אונ טראכט גאר פון דיר געבראטענע אינדישקע
מיט שפינאט. ווי גליקליך וואלט איך געווען ווען איך זאל זיין
לעבין דיר ראסבראטין מיט צוויבעל – מיינע געדאנקין שוועבען ארום
אין טעררינען סאס אין טישרע טרקין אבציג סאנשין. אבלל איך
מוז אהיים קומען נאר סיפעהלט מיר אבער גידעמפטע געהירע
מיט מאקאראנען גאנצע פארציאנען – געלד. איך בין זעהר פיל
שולדיג. בעט איך דיך מיינע טייערע אמלעט מיט קאנפעטאר מיר
מיט דער ערשטער פאסט דיא סומע צו שיקען כדי איך זאל
קאנען בעדינטע ליכט ציטער שוגל אהיים קומע צו זאמען הונדערט
אונ צוואנציג דיין ליעבענדער פראנץ ערדאלטען מארקום צוקער.
נוא דארף איך ניט פארקויפען אפילו דאס לעצטע העמד אונ איהם
צו שיקען. אונ איך האב מאכי אזוי גיטוען חאטשי ער האט ניט
אזוי דיא ווערטה, ווייל באלד נאך דער חתונה האט ער אויך
גיהערט צו רעדין דייטש. גלייך וויא ער האט נאר קיינמאהל ניט
גיקענט. אהא מיר דאכט ער געהט.

הונגערמאן אט האט איהר איהם.

קאבצנזאהן קעטצעלע!

חנהלע קאטעריל! וויא צו קישען ווי)

קבצנזאהן וואס הערט זיך עפעס דא אין שטעטיל?

חנה איך ווייס צו דוא פאהרסט אוועק קומט מיין פיס ניט ארויס אויף דער גאס אונ איך בענג אזוי נאך דיר. ווערסט שוין קיינער ניט אוועק פאהרען קאטעריל.

קבצנזאהן ניין קעצעלע. נא פין סיך ארויס איך דארף געהן זעהן וואס מיין חברה מאכט.

חנה סיס איהן ביזט העררשט גישטען פון וועג אונ לויפסט שוין אוועק

מיר דאכט איך האב מיר פארדינט בייא דיר או דוא זאלסט מיך
אביסיל ביים מיר אונטערהאלטען . דיא וועסט ניט פארשעמען .
ווייל דיך איבר דיא ביזט דאך ערגער פון דעם וואס אונ פארגעס
וועסט דיך זעהן ביים זעלבען דוא ווילסט :

מבזנואהן נייע קעצעלע איך מוז געהן גישעפט זאכען. האסט ניט קיינס געלד ?

חנה אט זעה וויא דיין קאראלינא איז דיר ניטרייא איך האב גיזיכט א
דוא וועסט קומען זעהען דארפין געלד . האב איך פארקויפט דאס
ווייסען קלייד. האלב האב איך דיר צו געשיקט אויף הוצאות און האב
נאך אם גישפארט עטליכע פארעס וועהעה איך גיב זייא דיר נאר געה
ניט אוועק .

פראנץ א קעצעלע איך האב דאך מיט דיר אויס גינומען או דוא זאלסט
מיר ניט אנטגעגען רעדין איך מוז אוועק געהן .

חנה נא דיר געלד . נאר זאלסט זיך ניט זאמען (פראנץ אב) וואס זאל איך
מיינען מיט איהם איך האב איהם פארט ליעב האטשי איך האב פון
איהם גרויסע צרות. (שלמה קומט אריין .

שלמה נא הנהלע!

חנה וואס נא וואס ווילט איהר ?

שלמה נא האסט זיך נאך ניט איבער צייגט וויא אומגליקליך דוא ביזט .

חנה ווילט איהר מיך גליקליך מאכען ? וואס הייסט בייא איך אומגליקליך ?

שלמה דוא מאכסט זיך ניט פארשטייענדיג .

חנה הערט שלמה זאל איך מיט אייך אפען רעדין. טראגט איהר מיר
ארויס רעה וואס איהר קומט אהער, בייא מיר אין דיא אויגען זעה
איך מיך ניט אומגליקליך , בייא אייך אין דיא אויגען וואגט איהר יא ?
וועדישע בעט איך איהר זאלט מיך אויפקלערין ?

שלמה פארשטייט זיך או דער וואס ליגט אין חדרין. מיינט ער או מאן

קיין ויכערס ניטא . איך בין פראקטישער פון דיר דוא שהוכם נאך סענטעריש דוא ווייסט נאך ניט וואס הייסט פריינד – שאפט ערגעבענהייט בענטשהייט . (מען הערט אונטער דיא קאליסען פראנצען זינגען אזא אט געהט דיין מזיק אויפס ווידערזעהן (אב) ·

פראנץ (קומט אריין זינגענדיג) ווארטושע ווארטושע ברידער זארעם קעצעלע פא אט געה איך ברענגען פרישע פארעם קעצעלע פא נעך נעם מיך ארום אונ גיב מיר אקיש .

חנה וועה איז מיר וואס איז דאס ? קוק דיך אהן .

פראנץ וואס ? איך געפעל דיר ניט ? זעה באר דיא שווארצע וואנצעלעך

חנה וועה איז מיר וויא ביזטו געוועהן . פראנץ דערמאן זיך וויא דוא ביזט .

פראנץ הא הא וואס רופסטו מיך פראנץ , רוף מיך קבצנזאהן . וואס מיר פראנץ דוא גיסט געלד איך מאך דיר דעם טוידט ?

חנה וועה איז מיין לעבען . (זיא וויינט) .

פראנץ וועה איז מיין לעבען אז איך האב גידארפט אן קומען צו אזא שלעכטע זיא זאל קיין רחמנות האבין אויף מיר . דוא גיסט געלד ?

חנה וועמען זאגסטו דאס דיין קאראלינא ?

פראנץ וואס מיר קאראלינא חנה מאקאראנא הייסט .

חנה גאטט שטארקער וואס איז דאס ?

פראנץ דאס איז דער צווייטער טייל פון ראמאן האסט געוואלט ארומאן האסטו דיר ארמאן ווארט איך וועל דיר ווייזן !

חנה לייג דיך צו אביסיל רוה דיך אים מאך ניט קיין שאנדע.

פראנץ וואס מיך באליידיגען ! דוא ווייסט מיט וועמען דוא רעדסט ?

חנה קוק אהן וועד עס שפייט פאר דיר .

פראנץ הא ! װער ביזטו . ניין דאס איז נישט מיין מארגאליע ניין ! װער װעט געבן שטעה מיר אין װאנצעלע אקיש קעצעלע קעצעלע פא איז ניט מעגליך פאראן אין קאפ ארײן דעם מיש קעצעלע פא גיבושטע פארעס אונ שפיל קיין ראלע . װארין אזי געה איך ברענגען מיין מארגאליע קעצעלע פא (אב) .

חנה װעה איז מיר װאס פון איהם איז געװארן . װאס הייבט מען אן צו טוהן ?

שלמה (קומט אריין) חנהלע ! נא װאס זאגסטו אצונד . איך שטעה אונטער דיא טיהר אונ הער אלעס צו . נא האסט זיך אלס ניט צו באקלאגען ? נאך ניט צייט װאלסט רחמנות האבן , װארף איהם אװעק , גם דיך מיט איהם װיא לאנג ס'איז נאך מעגליך . אײדער דוא װערסט פארניפטעט . אונ קום צו מיר צו דיין געטרייען פריינד , װאס װעט װיסען װיא דיך צו שעטצען ! דוא שװײגסט ? דוא ענטפערסט ניט . חנהלע ! יעצט האסטו נאך צייט , ענטשלים דיך אונ זאג מיר , דוא געהסט מיט מיר . קום לאמיר אװעק פון דאנען . װארין ער װעט זיין דיין מלאך המות ! חנהלע דיא צייט שטעהט ניט . דוא געהסט צו ניין ? װעה ס'זאל דיר ניט באנק טוהן װארין איך געה יעצט אװעק װעסטו מיך שוין קיין מאהל ניט זעהן דאס לעצטע מאהל זאג איך דיר חנהלע . קום אנטלויף אין דער װעלט . דוא קענסט נאך לעבן . נא נאך איינמאהל זאג איך דיר חנהלע דוא געהסט צו ניין . ארייע ! דוא אונגליקליכע , (אב) .

חנה אך ! סאלאמאן ! (זיא װיל נאך לויפן סאלאמאנען קומט איהר פראנץ מיט הונגערטאנען מיט צװייא װעשין מערליך אנטגעגען) .

פראנץ װאס טהוסטו דא בייא מיר אין שטיב ? װער ביזטו בייא מיר ? א דאס איז מיין מירטין געװען (ער װייזט אויף מארגאליע) אונ זיא װעט זיין מייגע דיך װיל איך ניט קענען . האסט געװאלט אשװארץ קאנצעלע . (ער רייסט אראפ דאס װאנצעלע אונ גיט איהר) נא דיר אשװארץ װאנצעלע . נא װאס שפייסטו נאך דא װאס פארשטערסטו

מיר מיין שמחה ! הונגערמאן ווארף זיא ארויס דיא נבלה פון מיין שטוב.

הונגערמאן (גייט צו אידר) אמצווה אויף דיר ! האסטו גיזאלט מיט מיר תהונה האבין, אצונד נעם דיר דעם דרך. (זייא ווארפט זיא ארויס פון שטוב זיא וויינט. סבצנזאהן הונגערמאן בידע וועשן מיידליך מאנצין אקארדיל).

פארהאנג פאלט

פערוואנדלונג

(שטעלט פאר אהייליג ארט — רעכטס אויף אבערגיל ועהט מען אמך מצבות שטעהן צווישן ביימער — אונטער דעם בערגיל הייעסט אהאסער — לינקס וויא דער טויער פון הייליגען ארט מיט אפארקען — נעבען טויער שטעהט דאס שטיבעל פון דעם קברות יוד — א.רעבער שטעהט האלב אין דער ערד — גראבט אקבר — און זינגט זיך צו

1.

גרעבער טיעף און קאלט איז דער קבר
דער מלאך שטעהט דא מיט זיין שווערד
זייא ציטערין דארף איטליכעס אבר
אז מען דארף דא ליגען אין דער ערד.

2.

פארשמאכט זענען דא דיא ליפען
דער צינג זיך מעהר ניט ריהרט

עס מעג בייס הערצין דא ציפען
גיפינט מען קיין ביסעלע ספירט

3.

אין דעם טויטין האב איך אנקטה
ער האט קיין מאהל פון אטרינק ניט גיטראכט,
ער וואלט שוין גיוואלט יעצט דערקוויקין זיין נשמה
נעה טרינק אז דער פיסק איז פארמאכט.

4.

וואס ער איז קיין מאל געקומען אין שענק.
און האט ניט פערזיכט קיין ביסעלע דאס
דערפאר טרינקט ער בייא מיר היינט קרענק
און פערבייסט מיט דער שטיינערנער צאם.

(ער ווארפט אוועק דיא לאפעטע)

דע אביטערע פרנסה נאדער אזא מלאכה האנדלין מיט בלאטע גימער וואס מען קען מיט זייא קיין ווארט ניט רעדין, און קיין לחיים טרינקען. ווען דער איינער מת זאל מיך ניט אונטערהאלטין האלט איך פאר מרה שחורה משוגה גיווארין. אז איהר ווילט קען איך איהם אייך ווייזין, גאר מאמיר האט איינער פחד וועל איך אייך געבין א סגולה מיט אלע כחות זאל ער זיך אנשטרענגען און יעצט אן קוקין מיין מת וועט ער זיך שוין מעהר אויף זיין לעבען ניט שרעקין אט שלעפ איך איהם שוין, ער איז דאו (ער שלעפט ארויס אפלעשל) ווארט איך האב נאך א קליין כתילי. דאס שלעפ איך ארויס פון דעם קבר ער שלעפט ארויס אקעלישקיל פון דער קעשענע. דיא טייערע מת מצוה קיין מאהל וועל איך דיר ניט זאגן עליו השלום. אייביג וועל איך דיך האלטין געבען מיר דורך דיר

האב איך דעם ליכטיגען גן עדן אויף דער וועלט. יעצט טרייטסט לחיים צום לעבין. נאך אטך לחיים׳ס קען מיר חלילה זיין צום טויט. (מען הערט טריט) הא! ווער געהט דאס דארפין אזוי שפעהט? אמת? קום אהער איך וועל דיך באגראבין. הא! מיר דאכט חנה ר׳ יצחקים טאכטער יא, חנה, וואס טוסטו דא?

חנה קימט ארייין אין אוויים קלייד – בלאס – דיא האר צופלאטין טרויריג. קענט איהר מיר ניט ווייזין וויא מיין טאטינס קבר איז?

גרעבער אוי אוי נאך וויא אזויא. גאר אומזיסט געהט ניט. וועט ארויס אויף אטרינק וועל איך דיר באלד זאגין?

חנה קיין געלד האב איך ניט נאר דאס איינציגע איז מיר גיבליבין פון מיין גאנץ פארמעגין (וויא ווייזט איהם אקליין פינגעריל) דאס קאן איך איך גיבין.

גרעבער אקידושין פינגעריל אויך אסחורה איך וועל מקדש זיין דעם שענקער וועל איך קאבין אגוטע חתונה. אט געה איך שוין אונ דוא געה ארויף אויף דעם בערגיל גלייך מיט דער סטעצקי נעבען מיר דער בייא שטעהט אמצבה דארט ליגט דיין טאטע ביין איילין אין דער ערד אונ איין אייל פון מיר וועט זיין צעהן איילין. גאר גיב אכטונג זאלסט ניט אריין פאלין אין וואסער (אב).

חנה אומגליקליך! אומגליקליך! יעצט בין איך שוין פארפאלין. ניין וואס קען איך שוין מעהר ניט דערטראגין. וואס איך האב אויס גיליטין פון דיר פראנץ. ליידין. מאנגעל. זידלען. שימפפען. באליידיגען אלעס האב איך צו גינומען אונ פארטראגין. גישפילט אין קארטין. אויסגיבראכט דאס גאנצע געלד. גישיכרט. אבער דאס ווארפין זיך מיט מיר. מיך ארויס טרייבין אונ אריין ברענגין אין אנדערע. פארבייטין מיך אויף איין אנדערע! ניין! דאס קען איך שוין משה ניט אויס האלטין. סאלאמאן! גיטרייער סאלאמאן דיר האב איך אזו גיזאגט בעססער פריינד קומט מיר אזוי? פאטער! גיטרייער פאטער!

דיך האב איך אויך ניט געוואלט פאלגען און האב דיך געטריבען יונג אין דער ערד. איך האב דיר פארביטערט דיין לעבען און דיר געקירצט דיינע יאהרען. קומט עס מיר טאקי אזוי. פערצייע מיר ליבער פאטער! איך זעה ווי עס איז מיר ניט באצאהלט געווארען. אין עק! איך האב שוין דא ניט וואס צו טוען איך דארף געהן אהיים! — אהיים? וואו האב איך דען אהיים אז איך בין אזוי עלענד ווי א שטיין. יא דא איז מיין היים. (זינגט)

זיא איז דא דיא היים, וויא הין אלע מענשען קומען.
פון זייער לעבענס רייזע ווען זייא ווערען מיד —.
איך געה אהין פון וואנען איך בין געקומען.
נעהם וועלט פון מיר דאס לעצטע אבשיעדס ליעד —.

(דער הימעל פארוואלקינט זיך מען הערט דינערן און בליטצען)

חנה (זינגט) אה נאטור, געטרייע מוטער! — ווען דער גלענדער פון יעדען
ווערט פערשטויסען אין זכות נעבעך זיין רוה
דיא איינציגע ביסטו, וואס דוא עמפפאנגסט איהם אין פריידען
און אין דיין קאלטען שויס נעהמסטו איהם ווארעם צו —

(עס דינערט שטארקער און בליצט — חנה געהט ארויף אויף אבערגיל, אויף וועלכען עס שטעהט א מצבה זיא פאלט אויף דיא קניע און זינגט)

געטרייער פאטער מיינער, צערטליכער און ליעבער!
פערטריבען האב איך דיך פון מיר (זיא הייבט זיך אויף
איהר גרינגע חוואליעס! שיפט מיך גיכער איבער
נארט, פאטער, נארט איך קום אויך באלד צו דיר...

(זיא חאפט זיך אויף לויפט אוועק צום טייך — לינקס פערוויקעלט
מיט אשווארצין מאנטיל קומט אן שלמה ער טראגט איין לאמטערנע
אין דער האנד).

שלמה — אהא דאכט זיך דארף זיא זיין — אהער האב איך זיא געזעהן
דאכט מיר, לויפען — שלעכט — אגיפעהרליך ארט פאר איהר!

חנה — (פון ווייטען) אריע סאלאמאן! (מען הערט אפליעסק אין וואסער)

שלמה (ערשראקען) וועה איז מיר חנהלע! (ער ווארפט אראפ פון זיך שנעל
דיא מאנטיל — שטעלט אנידער דאס לאמטערנדיל און לויפט ארויס
אין דיא זייט. וויא ער האט דערהערט דאס קול —. לינקס פון דעם
שטיעבעל פון דעם קברות. יודען לויפען ארויס — אסך יונגען אין דיא
קאפאטים — ווייבער יונגלעך — מיט ליכט און לאמטערנעס אין דיא
הענד — שטעלען זיך אויס נעבען דעם טייכל. קוקען אריין — זינגען,

זעהט איין אומגליק פון דער העלער הויט
וויא אמענשען איז באשערט דער טויט.
וויא קומט זיא אהער?

(וויא טהאמען מיט דיא פינגער רעכטס)

דער קען זיא ווער ווער?

אוי אוי ארחמנות! זיא איז דערטרינקען געווארען.

(אין דעם מאמענט — פאהרט דורך אין טייכעל אשיפעל — שלמה
האלט אויף זיינע הענד דיא דערטרינקענע חנה'ן — קוקט אויף איהר
און וויינט) —.

כאָהר (פון ידען) דאס, וויא איז מיט?

יאָה, וויא איז מיט! —

דאס בילד ווערט בעלייכטעט מיט גרין בענגאליש פייער.

פארהאנג פאלט לאנגזאם

ענדע

נאכדרוק אונ צו שפיעלען אויף דער ביהנע אהנע ערלויבניס פון דעם מחבר איז פערבאטען.

א. גאלדפאדען

ספרי הוצאתי השייכים לי לעצמיות

	ק.	ר.
1) סדור תפלה בתרגום פולנית מאת הר"ר זמואל שייהאק מחירו	75	—
בכריכה מהודרה	—	2
2) דקדוק לשון עברית בתרגום פולנית הנ"ל המחיר	60	—
3) תורת ישראל לילדים עם תרגום המלים בשפת פולנית ונלוה לזה הרבה משלים ממקרא, מדרש, גם ראשית למודי רש"י מאת הנ"ל מחירו	60	—
4) ארח מישור (מלון תנכ"י) מכיל יותר מ15000 מלים מתרגם לשפת זרגון מחירו	75	—
5) אגרון שלם בארבע שפות: עבריה, פולנית, רוסית ואשכנזית חבר מאת: דוד פרישמאן, א. פאפיערני והד"ר העס, עם בוכהאלטעריע פשוטה מחירו	60	—
בלי פולנית	40	—
דיטא פולנית ועברית	30	—
6) ענגלישע מעטאדע פון יוסף סלאנימסקי	75	—
7) דייטשע מעטאדע פון ד"ו	75	—
8) אויסגעוועהלטע שריפטען פון ג. סאקאלאוו מיט זיין ביאגראפיע	—	1
9) מאשען־פרעמד־ווערטער־בוך אין א פראכט־באנד פרייז	40	—
10) תולדות ישראל: מזמן בריאת העולם עד שוב בני ישראל מגלות בבל בהעתקה פולנית	65	—
11) ראשית למודים: ספר למוד בתרגום פולנית, מחזיק כללי הדקדוק, הקראות, תרגומים, ספורים עם מפתח לתרגומים	65	—
12) החימיא בחיי יום יום מאת הפרופ. ד"ר לאססאר קאהן תרגם ברשיון המחבר ע"י פ. קנטורוביץ	—	1
13) הארץ גיאגראפיא פופלרית מאת לונקעוויטש מתרגם ע"י פ. קנטורוביץ	20	—
14) משלי אגור מאת דומרצקי	75	—
15) משכיל אל דל ספור מנוקד יסודתו באגדת התלמוד מאת ח' משקט	10	—
16) די יודישע מלוכה פאטעראנץ	30	—
17) גראף פאטאצקי	15	—
18) די געהיימניס פון זאקסישען הויף פריגצעסין לואיזא	60	—
19) געוועהלטע שריפטען פון גארקי	40	—
20) ווי ליעבען די פרויען פון ד"ר מ. גארדזי	10	—
21) מענדיל דאנציגער פון קאנאפניצקא	15	—
22) די אכסניא מיט די וואנצען פון זאבלאצקי	10	—
23) בלוט פון עמיל זאלא	5	—
24) דער ארביטער יום טוב פון ל. מארטאוו	10	—
25) פרייהייט פון וואָרט	5	—
26) ארבייטער־קינדער	3	—
27) וועגען טויט־שטראף טאלסטאי	5	—
28) מארסעליעזע פון אנדרייעוו	3	—
29) זאמעלבוך פון טאלסטאי	10	—
30) א ליבערעטא פיר גראמאפאנען אין 3 טייל	—	2
31) עצות פיר פרויען	20	—
32) די ערד פון לונקעוויטש איבערז. פ. קאנטאראוויטש	20	—
33) קיין שום זאך ווערט נישט פערלארען אין דער נאטור אנגעגעבן פיזיק פון ד"ר קראמשטיק	10	—
34) מאגנעטיזם און זלעקטריציטעט I,II פון פ. קאנטאראוויטש	22	—
35) ווי אזוי ווערט מען ווידער יונג פראפ. מיעטשניקאוו	10	—

טעאטער-ביבליאטעק

אפערעטען.

36) יודישע נשמה, י. טער — 30
37) בערעקיאַטעלעווימש.ב, וואַקסמאַן 25 —
38) חינקע פינקע, י. לאַטיינער — 25
39) הגה'ציע אין אמעריקא, נ. ראַקאָוו 30 —
40) חורבן ירושלים, י. לאַטיינער — 25
41) חפני ופנחס, שאַרקאַנסקי — 25
42) טאַטע מאַמעס צרות, געבער — 20
43) כל נדרי, י. שאַרקאַנסקי — 20
44) שבת קודש, ז. מייגמאַן — 30
45) שיר השירים, א. שאָר — 30
46) שלמה גאָרגיל, י. לאַטיינער — 25
47) דער פערפּאַסער אין קינדבעט 10 —
48) דער מאַן אונטער'ן טיש, ד"ז — 10
49) צוויי מענשען מיט איין פנים, גאָלדבערג — 10
50) דער גנב פון טובּין — 20

דראַמען

51) איבּינגער יוד, הירשביין — 10
52) נעבּרידער לוריע, י. גאָרדין — 25
53) ווילדער מענש, ד"א — 25
54) ווילנער בעל-הבית'ל, מאַרק אָרנשטיין — 50
55) יודישער קעניג ליר, י. גאָרדין — 25
56) מירעלע אפרת, ד"ז — 30
57) מעדעא, ד"ז — 30
58) די רויבּער, פון שילדער — 35
59) די שחיטה, י. גאָרדין — 30
60) דער קעניג פון דוד גראָסמאַן פון יאַשקעוויטש — 50
61) די קאַמעליענדאַמע פון אלעק סאַנדר דומאַ — 60
57) טהעריזא ראַקען פון זאָלאַ 50 —

פערלאַגס בוכהאַנדלונג פ. קאַנטאָראָוויטש, ווארשא, מאַריאַנסקא 2.